בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

ויצא תשפ"ג
גליון 119

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פָּאר אַלֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער,**

לָאמִיר אַייךְ פְרֶעגְן אַ קַשְׁיָא, עַקְשָׁנוּת אִיז אַ גוּטֶער מִידָּה אָדֶער נִישְׁט?

ס'אִיז בַּאוואוּסְט אַז יֶעדֶע מִידָּה קֶען מֶען נוּצְן צוּ דִי קְדוּשָּׁה אָדֶער חָלִילָה דִי פַּארְקֶערְטֶע פוּן קְדוּשָּׁה. לָאמִיר זֶען וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, צְוֵוייטֶער חֵלֶק תּוֹרָה מ"ח, אַז מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען עַקְשָׁנוּת, יֶעדֶע עֵצָה, יֶעדֶער עִנְיָן דַארְף מֶען זִיךְ פֶּעסְט עַקְשְׁ'נֶען. אָבֶער דֶער עִיקָר עַקְשָׁנוּת דַארְף מֶען בַּיי דֶער עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה זֶעט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶער זַאךְ. רָחֵל הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד, הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן נַפְתָּלִי, ווייל נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ אַסַאךְ תְּפִלּוֹת מִיט אַסַאךְ בַּקָּשׁוֹת אוּן גֶעוויין גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין גְלַייךְ מִיט מַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן אוֹיךְ הָאבְּן אַ קִינְד. וְגַם יָכֹלְתִּי, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מַחְלִיט גֶעווען אוֹיךְ מִיר צוּ גֶעבְּן אַ קִינְד.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הֲלָכוֹת תְּפִלִּין הֲלָכָה ה', אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף אַ גַאנְצְן לֶעבְּן אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, סַיי תְּפִלּוֹת פוּן אַלֶע דְרַיי תְּפִלּוֹת, אוּן אוֹיךְ אֲמִירַת תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, אוּן סַיי הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן תְּפִלּוֹת אִיז דֶער עִיקָר, מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן מִיט דֶער עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה, אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז זַיינֶע רֵייד הֶעלְפְן גָארְנִישְׁט. וויפִיל תְּפִלּוֹת הָאט עֶר שׁוֹין מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן וויפִיל טֶעג הָאט עֶר שׁוֹין גֶעבֶּעטְן, עֶר בֶּעט שׁוֹין דִי זֶעלְבֶּע תְּפִלָּה פַאר דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר, אוּן עֶס הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶע'פּוֹעֶל'ט, דַארְף עֶר זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, אַזוֹי ווִי אַ אִינְגֶל וָואס עַקְשְׁ'נְט זִיךְ אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר ווִיל אַ גוּטֶע זַאךְ, עֶר בֶּעט פוּן זַיין מַאמֶע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.




זָאגְט אִים דִי מַאמֶע, מַיין טַייעֶרֶער, ס'אִיז נִישְׁט דָא יֶעצְט וואו צוּ קוֹיפְן. אַלֶעס אִיז פַארְמַאכְט, אָבֶער דָאס קִינְד הָאקְט קָאפּ אִין וַואנְט, אִיךְ ווִיל דִי אוּן דִי זַאךְ, אִיךְ ווִיל עֶס. וויפִיל מֶען אִיז אִים מַסְבִּיר אַז ס'אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ יֶעצְט, מֶען קֶען נִישְׁט. אָבֶער עֶר אִיז אַן עַקְשָׁן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁ'נֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן קָאפּ אִין וַואנְט, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל טוּן נָאר רְצוֹן הַשֵּׁם, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל הָאבְּן שִׂמְחָה, אִיךְ ווִיל הָאבּ קְדוּשָּׁה, מֶען דַארְף זִיךְ עַקְשְׁ'נֶען. זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אַזוֹי, נֶעם דִי

המשך אויף לעצטע זייט

# פוּן וואוּ קוּמְט דֶער קוֹל?

קִינְדֶערְלֶעךְ דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן ר' סֶענְדֶער טְרָאוִויצֶער.

סֶענְדֶער הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טְרָאהוִויצֶע. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט סְחוֹרָה (שְׁטָאף). צוּ דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט נָאךְ אַ פַאך, עֶר הָאט גֶעמַאכְט וִויצְן (וֶוערְטְלֶעךְ). אֵיינֶע פוּן דִי וִויצְן וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּן אִים, אַז אַמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין גֶעשֶׁעפְט אַ פְּרָאסְטֶער גוֹי וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפְן זַאלְץ, זָאגְט אִים סֶענְדֶער: "שְׁטֶעל דִיךְ אַוֶועק אוֹיפְן טִישׁ אוּן טַאנְץ וֶועט אַרוֹיסְשִׁיסְן זַאלְץ פוּן אוּנְטְן!" דָאס אִיז סֶענְדֶער גֶעוֶוען פַאר עֶר אִיז גֶעוָואר גֶעוָוארְן אַז סְ'אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט!


אלטער בילד פון אומאן

נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן "ר' סֶענְדֶער", דֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם. פַאר דִי אַנְדֶערֶע סוֹחֲרִים הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט אַז ר' סֶענְדֶער מַאכְט מֶער נִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן "וואוּ אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען ר' סֶענְדֶער?! עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אוּנְזֶער אַ חַבֶר! וָואס אִיז גֶעוָוארְן מִיט אִים?!"

פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג וֶוען דִי חֲבֵרִים הָאבְּן אִים גֶעזֶען גֵיין אִין שׁוּהְל אַרַיין, מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת צוּ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים הָאבְּן זֵיי אִים נָאכְגֶעשְׁרִיגְן: "אה, ר' סֶענְדֶער גֵייט שׁוֹין אִין שׁוּהְל אַרַיין אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת'דִיג, עֶר אִיז דָאךְ תָּמִיד גֶעוֶוען מִיט אוּנְז צוּזַאמֶען, אוּן אִיצְטֶער גֵייט עֶר שׁוֹין אִין שׁוּהְל אַרַיין?!"

ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיין נַאכְט וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּיי חֲצוֹת צוּם רֶבִּין'ס צִיּוּן הָאט עֶר גֶעהֶערְט עֶפֶּעס אַ קוֹל "בַּיינַאכְט אַ קוֹל?" הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט. "וֶוער קֶען עֶס זַיין?" דֶער גַאס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג. "פוּן וואוּ קוּמְט דֶער קוֹל?!" עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ סְ'אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ מֶערְדֶער, אַ רוֹצֵחַ?!

אִין יֶענֶע צַייט הָאט מֶען גֶעצִיטֶערְט פוּן יֶעדְן שַׁארְךְ. וֶוען ר' אַבְרָהָם אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען נֶענְטֶער הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דֶער קוֹל קוּמְט אַרוֹיס פוּן רֶבִּי'נְס צִיּוֹן! עֶר הָאט זִיךְ בַּארוּהִיגְט "אָבֶּער וֶוער קֶען עֶס זַיין?" הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַלְץ גֶעוואוּנְדֶערְט. עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען נֶענְטֶער אוּן גֶעטְרָאפְן ר' סֶענְדֶער טְרָאהוִויצֶער וואוּ עֶר אִיז אוֹיפְן צִיּוּן אוֹיסְגֶעלֵייגְט בִּפְשׁוּט יָדַיִם וְרַגְלַיִם, אוּן עֶר לָאזְט אַרוֹיס בַּאנוּמֶענֶע קוֹלוֹת פוּן טִיפְן הַארְץ אַרוֹיס!

אָט דָאס אִיז גֶעוָוארְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן (סֶענְדֶער) סוֹחֵר אוּן לֵץ, דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס כֹּחַ.

# איין מעשה'לע

דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער



## אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ

אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צֵיין דָאקְטֶער. אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶ'ע מַעֲשֶׂה. קוֹדֶם דַארְף מֶען וַוארְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט צוּ בַּאקוּמֶען אַ רַייֶע. אוּן וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין דִי בַּאשְׁטִימְטֶע רַייֶע, דַארְף מֶען פָארְן אַ וֶועג פוּן דְרַיי פֶערְטְל שָׁעָה בִּיז צוּם דָאקְטֶערְ'ס אָפִיס. וֶוען דֶער טָאג פוּן מַיין רַייֶע אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט מַיין מַאמֶע בַּאשְׁטֶעלְט אַ טֶעקְסִי וָואס זָאל אוּנְז טְרָאגְן אַהִין.

פַאר מַיין מַאמֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג מִיר צוּ נֶעמֶען צוּם דָאקְטֶער. זִי הָאט גֶעדַארְפְט מְסַדֵר זַיין דִי קִינְדֶער בַּיי דִי שְׁכֵנִים אוּן אָרְגַאנִיזִירְן דִי שְׁטוּבּ אַז זִי זָאל קֶענֶען זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ פַאר 2-3 שָׁעָה. אוּן אַ גוּטֶע שָׁעָה אִיז מַיין גֶעטְרַייֶע מַאמֶע גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ פָארְן מִיט מִיר. מִיר שְׁטֵייֶען אִינְדְרוֹיסְן אִין גַאס אוּן מִיר וַוארְטְן--- וַוארְטְן אַז דֶער דְרַייוֶוער זָאל אוּנְז קוּמֶען אָפְּנֶעמֶען. מִיר וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן אוּן עֶנְדְלִיךְ נָאךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה הָאט עֶר זִיךְ עֶנְדְלִיךְ בַּאוִויזְן.

מֶען הֵייבְּט אָן צוּ פָארְן אָבֶּער עֶס וַוארְט אוּנְז אָפּ אַ גֶעפֶערְלִיכֶע טְרֶעפִיק. מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צֵיין דָאקְטֶער אַ דְרַיי פֶערְטְל שָׁעָה שְׁפֶּעט. מִיר קוּמֶען צוּם סֶעקְרֶעטַאר אוּן זִי מֶעלְדֶט אוּנְז אַיין אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין פַארְשְׁפֶּעטִיגְט אוּנְזֶער רַייֶע, יֶעצְט קֶענֶען מִיר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אַהֵיים לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם.

"בַּאשְׁטֶעל נָאךְ אַ רַייֶע בִּיטֶע," זָאגְט זִי אוּנְז מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט.

בְּלֵית בְּרֵירָה הָאבְּן מִיר פַארְלָאזְט דֶעם אָפִיס אוּן אַרַיין אִין דִי קַאר וָואס הָאט אוּנְז אָפְּגֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן, (נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע וָואס הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט).

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען מְלֹא טַעֲנוֹת אוּן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטְן דְרַייוֶוער וָואס הָאט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט אוּן אוּנְז גוֹרֵם גֶעוֶוען עַגְמַת נֶפֶשׁ.

מִיר זִיצְן אִין קַאר אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ פָארְן. דֶער דְרַייוֶוער וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד הָאט אָנְגֶעצִינְדְן אַ טֶעיפּ פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶער מַשְׁפִּיעַ. אִינֶעם גַאנְצְן קַאר הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט הֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן פוּן רֶבִּינְ'ס קְוַואל. אוּן פוּן מִינוּט צוּ מִינוּט זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער רוּאִיגֶער אַז אַלֶעס אִיז מִן הַשָּׁמַיִם. אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶער הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען פַאר אַ דְרַיי פֶערְטְל שָׁעָה צוּ קוֹנֶה זַיין פוּן רֶבִּינְ'ס קְוַואל. אָנְקוּמֶענְדִיג אַהֵיים זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ וִוי גָארְנִישְׁט אוּמְאַנְגֶענֶעם וָואלְט דָא פַּאסִירְט.

**יַעְנְקִי ג.**

**נְיוּ יָארְק**

דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ וֶוער עֶס וֶועט זַיין נָאנְט צוּ מַיינֶע לַייט וֶועט זַיין אַן אִישׁ כָּשֵׁר...



# ~ דִי עֶלְעָוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 1 דֶער בֶּן מֶלֶךְ און בֶּן שִׁפְחָה וֶועלְכֶע זֶענֶען פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן

**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ.** אִיז בַּיי אִים אִין שְׁטוּב גִיוֶוען אֵיין שִׁפְחָה. וָואס זִי הָאט בַּאדִינְט דִי מַלְכָּה (מִן הַסְּתָם קֵין קֶעכֶערְן טָאר נִיט אַרַיין קוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. נָאר דִי שִׁפְחָה הָאט גִיהַאט עֶפֶּעס אֵיין אַנְדֶער דִינְסְט. אַ קְלֵיינֶע דִינְסְט) אִיז גִיקוּמֶען דִי צַייט וָואס דִי מַלְכָּה הָאט בַּאדַארְפְט הָאבְּן אֵיין קִינְד. אוּן דִי שִׁפְחָה הָאט אוֹיךְ בַּאדַארְפְט צוּ גְווִינֶען אִין דֶער צַייט.

**אִיז גִיגַאנְגֶען** דִי בָּאבֶּע אוּן הָאט אִיבֶּערְגִיבִּיטְן דִי קִינְדֶער. כְּדֵי זִי זָאל זֶעהְן וָואס דָא וֶועט זִיךְ טָאן. וָואס דֶערְפוּן וֶועט אַרוֹיס וַואקְסְן. אוּן זִי הָאט גִינוּמֶען דָאס קִינְד פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוּן הָאט אַנִידֶער גִילֵייגְט לֶעבְּן דֶער שִׁפְחָה. אוּן דָאס קִינְד פוּן דֶער שִׁפְחָה הָאט זִי גִילֵייגְט לֶעבְּן דֶער מַלְכָּה.

**דֶערְנָאךְ** הָאבְּן אָן גִיהוֹיבְּן דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער צוּ וַואקְסְן. אוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דָאס קִינְד וָואס סֶע דֶערְוַואקְסְן גִיוָוארְן בַּאם מֶלֶךְ וָואס מֶען הָאט גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז דֶער זוּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ) הָאט מֶען אִים מְגַדֵּל גִיוֶוען (דְהַיְינוּ גִיגְרֵייסְט) אוּן אוֹיפְגִיהוֹיבְּן אַלֶע מָאל הֶעכֶער הֶעכֶער. בִּיז עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גִיוָוארְן אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער בֶּרְיָה.

**אוּן דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה** (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר אִיז דֶערְצוֹיגְן גִיוָוארְן בַּיי דֶער שִׁפְחָה וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער זוּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ כַּנַּ"ל) אִיז אוֹיךְ דֶערְוַואקְסְן גִיוָוארְן בַּיי דֶער שִׁפְחָה. אוּן דִי בֵּיידֶע קִינְדֶער הָאבְּן גִילֶערְנְט אִין אֵיינֶעם אִין אֵיין חֵדֶר.

**אוּן דֶער אֱמֶתִּיר בֶּן מֶלֶךְ** (וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בֶּן הַשִּׁפְחָה) הָאט זִיךְ זַיין טֶבַע גִיצוֹיגְן **צוּם נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת** נָאר עֶר אִיז מְגוּדָּל גִיוָוארְן בַּיי דֶעם עֶבֶד אִין שְׁטוּב. אוּן פַארְקֶערְט **דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה** (וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בֶּן הַמֶּלֶךְ) הָאט זִיךְ זַיין טֶבַע גִיצוֹיגְן צוּ אֵיין אַנְדֶער נִימוּס נִיט אַזוֹי וִוי דֶער נִימוּס פוּן אֵיין מֶלֶךְ אִיז. נָאר עֶר אִיז מְגוּדָּל גִיוָוארִין בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אִין שְׁטוּב. הָאט עֶר זִיךְ גִימוּזְט פִירְן מִיט דֶעם נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת. וָוארְן מֶע הָאט אִים אַזוֹי גִיפִירְט מִיט דֶעם נִימוּס.

**אוּן דִי בָּאבֶּע** מֵחֲמַת נָשִׁים דַעְתָּן קַלּוֹת (דְהַיְינוּ וַויבֶּער הָאבְּן אֵיין גְרִינְגֶע דֵעָה) כְּלוֹמֶר זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִיט אַיינְהַאלְטְן. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם סוֹד פַאר אֵיין מֶענְשְׁן. בַּאֲשֶׁר אַז זִי הָאט פַארְבִּיטְן דִי קִינְדֶער אוּן אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ אֵיין חָבֵר.

**אוּן דֶער חָבֵר הָאט נָאךְ אֵיין חָבֵר.** הָאט אַזוֹי אֵיינֶער אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם אַנְדֶערְן. בִּיז דֶער סוֹד אִיז אַרוֹיס גִיקוּמֶען. אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶער וֶועלְט אִיז.

**בִּיז דֶער עוֹלָם** הָאט דֶערְפוּן גִישְׁמוּסְט שְׁטִילֶערְהֵייט בַּאֲשֶׁר אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן. לוּשְׁמִיר שְׁמוּסְן שַׁארְף קָאן מֶען בְּוַודַאי דֶערְפוּן נִיט. דֶער מֶלֶךְ זָאל נִישְׁט גִיוָוארְן וֶוערְן. וָוארְן וָואס וֶועט דֶער מֶלֶךְ קֶענֶען טָאן אִין אַזוֹי אַ זַאךְ. וָוארְן עֶר קָאן דָאס נִיט פַארֶערְכְטְן. עֶר קָאן עֶס נִיט גְלֵייבְּן. טָאמֶער אִיז דָאס לִיגְן. אוּן וִוי אַזוֹי בַּייט מֶען וִוידֶער צוּרִיק. אִיבֶּער דֶעם טָאר מֶען דָאס בְּוַודַאי נִיט אוֹיס זָאגְן פַאר דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דֶער עוֹלָם הָאט צְוִוישְׁן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גִישְׁמוּסְט דֶערְפוּן.

**וַיְהִי הַיּוֹם.** אִיז גִיגַאנְגֶען אֵיינֶער. אוּן הָאט אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם סוֹד פַאר דֶעם בֶּן מֶלֶךְ. בַּאֲשֶׁר מִזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן. נָאר. דוּ קָאנְסְט דָאס נִיט קְלֶערְן. וָוארְן סֶע שְׁטֵייט דִיר נִיט אָן. אוּן וִוי אַזוֹי קְלֶערְט מֶען אַזוֹי אֵיין זַאךְ.

**נָאר אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס דִיר.** כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וִויסְן. וָוארְן טָאמֶער וֶועט אַמָאל זַיין אֵיין בּוּנְט אַקֶעגְן דֶער מְלוּכָה. וֶועט דֶער בּוּנְט דַארְךְ דֶעם קָאנֶען שְׁטַארְקֶער זַיין וָוארְן זֵיי וֶועלְן זָאגְן זֵיי נֶעמֶען זִיךְ דֶעם בֶּן מֶלֶךְ פַאר אֵיין מֶלֶךְ. דְהַיְינוּ דֶער וָואס מִזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז צוּם אֶמֶת דֶער בֶּן מֶלֶךְ כַּנַ"ל. דְרוּם בַּאדַארְפְסְטוּ זֶעהְן צוּ פַארְטְרַאכְטְן דֶעם בָּחוּר. (אַזוֹי הָאט אַלְץ דֶער אֵיינֶער גִיזָאגְט צוּ דֶעם בֶּן הַמֶּלֶךְ וָואס צוּם רֶעכְטְן אֶמֶת אִיז עֶר דֶער זוּן פוּן דֶער שִׁפְחָה כַּנַ"ל).

**אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בֶּן מֶלֶךְ** אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ טָאן שְׁפִּיצְלֶעךְ יֶענֶעמְס פָאטֶער (וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר זִיךְ גִיוֶועז טַאקֶע זַיין פָאטֶער) **אוּן** עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גִילֵייגְט אִים צוּ טָאן שְׁלֶעכְץ תָּמִיד. אוּן עֶר הָאט אִים אַלְץ דֶערְלַאנְגְט שְׁפִּיצְלֶעךְ אֵיינְס נָאךְ עֶס אַנְדֶערֶע. כְּדֵי עֶר זָאל מוּזְן עוֹקֵר זַיין מִיט זַיין זוּן.

**אוּן כָּל זְמַן דֶער מֶלֶךְ** אַלֵיין הָאט נָאךְ גִילֶעבְּט. הָאט עֶר נָאךְ פָארְט אַזוֹי אֵיין מֶמְשָׁלָה נִיט גִיהַאט. פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָארְט פְלֶעגְט עֶר אִים טָאן שְׁפִּיצְלֶעךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ אַלְט גִיוָוארְן אוּן אִיז גִישְׁטָארְבְּן.

**הָאט עֶר אָפּ גִינוּמֶען דִי מְלוּכָה.** הָאט עֶר דֶעמָאלְט נָאךְ מֶער שְׁלֶעכְץ גִיטָאן צוּ יֶענֶעם זוּנְס **פָאטֶער** (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם פָאטֶער פוּן דֶעם בֶּן הַשִּׁפְחָה וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער בֶּן הַמֶּלֶךְ אוּן דֶער פָאטֶער אִיז טַאקֶע גִיוֶוען זַיין פָאטֶער פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט אָפּ גִינוּמֶען דִי מְלוּכָה וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ פַארְבִּיטְן

גִיוָוארְן כַּנַ"ל) אוּן עֶר הָאט גִיטָאן אִים שְׁלֶעכְץ פַּארְשְׁטֶעלְט מֶען זָאל נִיט וִויסְן אַז סֶע אִיז פוּן אִים. וָוארְן סֶע אִיז נִיט שֵׁיין פַּאר לַייט. אוּן הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט אַלֶע מָאל שְׁפִּיצְלֶעךְ אֵיינְס נָאךְ עֶס אַנְדֶערֶע.

**הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען דֶער דָאזִיגֶער.** אַז עֶר טוּט אִים שְׁפִּיצְלֶעךְ מַחְמַת דֶער זַאךְ. (דְהַיְינוּ וַוייל דִי וֶועלְט שְׁמוּסְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן) הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זוּן (דְהַיְינוּ דֶער עֶבֶד דֶער מַאן פוּן דֶער שִׁפְחָה וָואס אִים הָאט מֶען עֶס אַלְץ דֶערְלַאנְגט שְׁפִּיצְלֶעךְ כְּדֵי עֶר זָאל פַּארְטְרַייבְּן זַיין זוּן וַוייל מֶען זָאגְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַּארְבִּיטְן גִיוָוארְן כַּנַ"ל) אוּן הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוֹת אוֹיף דִיר.

**וָוארְן מִמָּה נֶפְשַׁךְ.** בִּיסְטוּ אַנְדֶערְשׁ מַיין קִינְד. הָאבּ אִיךְ זִיךְ בְּוַודַאי גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר. בִּיסְטוּ אַנְדֶערְשׁ נִיט מַיין קִינְד. נָאר בִּיסְט צוּם אֶמֶת דֶער בֶּן מֶלֶךְ. אִיז זִיךְ נָאךְ מֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר. וָוארְן דֶער (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר הָאט אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה) וִויל זִיךְ דִיךְ גָאר אוֹיס רַייסְן חַס וְשָׁלוֹם. אִיבֶּער דֶעם מוּסְטוּ עוֹקֵר זַיין (דְהַיְינוּ אַנְטְלוֹיפְן) פוּן דַאנֶעט. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר גִיאַיירְט. אוּן סֶע אִיז אִים זֵייעֶר שְׁלֶעכְט גִיוֶוען דִי זַאךְ.

**נָאר דֶער מֶלֶךְ** דֶערְלַאנְגְט אַלְץ דֶערְוַוייל אַלֶע מָאל שְׁפִּיצְלֶעךְ. אֵיינְס נָאךְ עֶס אַנְדֶערֶע. הָאט זִיךְ דֶער זוּן מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער אֶמֶתֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז פַּארְבִּיטְן גִיוָוארְן) עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפְן. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיגִיבְּן אַסַאךְ גֶעלְט. אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק.

**הָאט עֶס אִים** זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן. וָואס עֶר אִיז פַּארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן פוּן זַיין מְדִינָה אוּמְזִיסְט. וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גִיקוּקְט. פַּארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיךְ זָאל פַּארִיטְרִיבְּן וֶוערְן. בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר בְּוַודַאי נִיט דָאס אַז אִיךְ זָאל פַּארְטְרִיבְּן וֶוערְן. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין נִיט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִיט דָאס אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ (דְהַיְינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער) אוּמְזִיסְט. וָוארְן וָואס הָאבּ אִיךְ גִיזִינְדִיגְט וָואס בִּין אִיךְ דָא שׁוּלְדִיג.

**הָאט עֶס אִים** זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן אוּן מַחְמַת דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען לְבֵית הַזּוֹנוֹת (דְהַיְינוּ אִין דִי שְׁטִיבֶּער וואוּ הוּרְן זִיצְן) אוּן עֶר הָאט גִיוָואלְט דֶערְמִיט זִיךְ פַּארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן. עֶר זָאל שִׁיכּוֹרְן אוּן זָאל נָאךְ גֵיין נָאךְ וָואס זַיין הַארְץ גְלוּסְט. **וַוייל עֶר אִיז פַּארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן אוּמְזִיסְט.**

דער געווינער פון "גאר מיין זאך איז תפלה"
צייטליך שבת אינדערפרי פרשת תולדות
ביים דאווענען איז

**הילד החשוב**
**ישראל יוסף הערשקאוויטש, ירושלים**

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די עלעפטע מעשה (1) - דער בן מלך און בן שפחה וואס זענען פארביטן געווארן

**א.** שאלה בונוס: **ווען האט דער הייליגער רבי דערציילט די מעשה וואס מיר הייבן יעצט אן?**
- ❑ נאך פורים יאר תקס"ט
- ❑ פאר פורים יאר תקס"ט
- ❑ מוצש"ק פרשת נח יאר תק"ע

(זעה חיי מוהר"ן אות ס"א)

**ב. ווער האט פארביטן די קינדער?**
- ❑ עפעס א דינסט
- ❑ די דינסט וואס האט געבוירן
- ❑ די באבע (הייבאם)

**ג. צו וועלכע נימוס האט געצויגן די טבע פון אמת'ן בן המלך?**
- ❑ צו א נימוס פון מלכות
- ❑ צו א נימוס פון קנעכט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. צו וועלכע נימוס האט געצויגן די טבע פון אמת'ן בן השפחה?**
- ❑ צו א נימוס פון מלכות
- ❑ צו א נימוס פון קנעכט
- ❑ צו א אנדערע נימוס

**ה. ווער האט אויסגעזאגט די סוד אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ די באדינער פון קעניג
- ❑ די דינסט
- ❑ די באבע (הייבאם)

**ו. ווי אזוי איז ארויס די סוד אויף דער וועלט?**
- ❑ מ'האט עס מפרסם געווען אין די צייטונגען
- ❑ איינער האט געזאגט פאר'ן אנדערן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. פארוואס טאר דער מלך נישט געוואר ווערן אז מ'האט פארביטן?**
- ❑ ווייל ער קען שטארבן פון צער
- ❑ ווייל דער קעניג וועט באשטראפן דער וואס האט זיי פארביטן
- ❑ ווייל ער קען דאס נישט פארריכטן

**ח. פארוועמען נאך האט מען דערציילט אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ פאר דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ פאר דער אמת'ער בן המלך
- ❑ פאר'ן קעניג

**ט. פארוועמס האט דער בן המלך געטאן שפיצלעך?**
- ❑ פאר'ן אמת'ן בן המלך
- ❑ פאר דער טאטע פון אמת'ן בן השפחה
- ❑ פאר די שפחה

**י. ווער האט איבער גענומען די מלוכה נאכדעם וואס דער קעניג איז געשטארבן?**
- ❑ דער אמת'ער בן המלך
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ א זון פון א אנדערער קעניג

**יא. ווער האט דערציילט פאר'ן אמת'ן בן המלך די גאנצע מעשה?**
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ די שפחה
- ❑ דער טאטע פון אמת'ער בן השפחה

**יב. פארוואס האט דער טאטע פון בן השפחה רחמנות אויף דער אמת'ער בן המלך?**
- ❑ ווייל אפשר איז ער זיין זוהן און א טאטע האט רחמנות אויף א קינד
- ❑ ווייל אויב איז ער נישט זיין זוהן, וויל מען אים אויסרייסן אימזיסט, איז אודאי א רחמנות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטאן?**
- ❑ ער איז אוועק פון די מדינה
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ
- ❑ ער האט זיך באהאלטן אין א גרוב

**יד. וואס האט פארדראסן פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ❑ ווייל דער אמת'ער בן השפחה איז דער קעניג
- ❑ ווייל ער איז פארטריבן געווארן אימזיסט
- ❑ ווייל זיין טאטע האט אים נישט געהאלפן

**טו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטאן נאכדעם?**
- ❑ ער האט אנגעהויבן צו לערנען תורה אין א באהאלטעניש
- ❑ ער האט אנגהויבן שפילן אויף כלי שיר
- ❑ ער האט זיך גענומען צום טרונק

**טז. וואס נאך לערנסטו ארויס פון די מעשה וואס ווערט געברענגט אין חיי מוהר"ן אות ס"א?**
- ❑ ווי יעדע ווארט אין די מעשה איז מדויק
- ❑ די ציל פון די פארהער צו מדייק זיין אין יעדע ווארט פון די מעשיות
- ❑ .

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

המשך פון זייט 1

הֵיילִיגֶע רַשִׁ״י פוּן נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי, טַייטְשׁ זִיךְ אִיבֶּער אוֹיף אִידִישׁ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי, אוּן דַאן וֶועסְטוּ וִויסְן וִויפִיל מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִיט שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, דֶרֶךְ עִקֵּשׁ וּפְתַלְתֹּל אֲפִילוּ סְ׳אִיז אָן קַיין טַעַם אוּן קַיין רֵיחַ.

וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מָלֵא רַחֲמִים אוּן עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן דִי תְּפִלָּה פוּן יֶעדְן אִיד, עֶר הָאט נַחַת פוּן יֶעדְן אִיד. ר׳ נָתָן בְּרֶענְגְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶער זֹהַר, אַז אַלֶע מַלְאָכִים פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג, פוּן וָואס הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נַחַת, מִיט וָואס אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁעֲשֵׁעַ, זָאגְט דֶער זֹהַר אַזוֹי, אַן אָרֶעמַאן אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אָרֶעמַאן, אַ גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶער אָרֶעמַאן, וֶוען עֶר דַארְף הָאבְּן אִין שְׁטוּב עֶסְן, קְלֵיידֶער אד״ג. עֶר עֶפְנְט דָאס מוֹיל אוּן בֶּעט, ״אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר״... עֶפְנְט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֶע פֶענְסְטֶערְס פוּן הִימְל אוּן זַיין תְּפִלָּה גֵייט גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד. וַוייל עֶר וֵויינְט מִיט טְרֶערְן אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס אִיז אַזוֹי חָשׁוּב פַאְרן אוֹיבֶּערְשְׁטְן וִוי אֵיינֶער וָואס גִיסְט טְרֶערְן, אַזַא סָארְט תְּפִלָּה אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער תְּפִלָּה וָואס קֶען נָאר זַיין.

זָאגְט ר׳ נָתָן, דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אֲפִילוּ אוֹיף אַ פָּשׁוּטֶ׳ער פָּשׁוּטֶ׳ער אָרֶעמַאן, וָואס בֶּעט זַיינֶע גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע צְרָכִים, עֶר דַארְף בְּרוֹיט, עֶר דַארְף אַ שְׁטוּב, עֶס זָאל זַיין מֶעבְּל, מִיט אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן עֶר שְׁפִּירְט וִוי אָרֶעם עֶר אִיז אִין מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן עֶר וִויל מֶער שְׁטֵייגְן אִין תּוֹרָה, מֶער שְׁטֵייגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן גוּטֶע מִדּוֹת, עֶר טַעֲנָה׳ט זִיךְ אוֹיס מִיטְ׳ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ מִיר נִישְׁט מְקָרֵב, עֶר גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ בִּיז עֶר פַארְגִיסְט טְרֶערְן. זָאגְט ר׳ נָתָן, אַזַא תְּפִלָּה אִיז טֵייעֶרֶער פוּן אַלֶע תְּפִלּוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַלֶעס, אַלֶעס, אִיז גֶעצֵיילְט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס אוֹצְרוֹת, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין זַיינֶע אוֹצְרוֹת!

חוּץ פוּן דֶעם אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט וִויסְן אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ עֶר הָאט גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם צוּ נִישְׁט, אֲפִילוּ אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפּוֹעֶלְט אֵיין מָאל אִין זַיין לֶעבְּן, בְּלוֹיז אַ חוּט הַשַּׂעֲרָה, לוֹיפְט עֶר גָאר וַוייט אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים טוֹיזְנְטֶער מֵייל.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען יֶעדְן טָאג, מִיט אַ קְבִיעוּת זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן מִיטְ׳ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל עֶר קֶען, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מִיט טַייעֶרֶע דִיבּוּרִים אוּן הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים, אוּן שְׁפֶּעטֶער זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹיוִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה אֲזַמְּרָה אַז דֶער עִיקָר הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר אַלֶע זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

הדפסת הגליון נתנדב ע״י
ר׳ דוד שמואל ניסנבוים הי״ו

הדפסת הגליון נתנדב ע״י
ר׳ שלמה אירגאס הי״ו
להצלחה וברכה בכל ענינים

הדפסת הגליון נתנדב ע״י
ר׳ צבי ווייס הי״ו